# פרשת במדבר

**בס"ד. משיחת ל"ג בעומר – בעת ה"פאראד" – ה'תשמ"ז**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

צום אלעם ערשטן – איז די ליכטיקע אנווייזונג פון דער עצם זאך פון ספירה.

אין וואס באשטייט דער ציילן, ווי דערציילט אין "תורה אור"[1] די ערקלערונג דערפון, אז בשעת אידן זיינען ארויס צום ערשטן מאל פון עבדות, פון גלות מצרים, האבן זיי געציילט די טעג: ווען וועט שוין אנקומען דער "תעבדון את האלקים על ההר הזה"[2], מקבל זיין די תורה אויפן בארג סיני.

וואס אט דאס איז אויך אויסגעדרוקט, אז ניט מ'ציילט די טעג אין מספר סידורי, אז דאס איז דער **ערשטער** טאג, און דאס איז דער **צווייטער** טאג און דער **דריטער** טאג, ביז דער דריי און דרייסיקסטער טאג און ווייטער – נאר דער ציילן איז – וואס דאס איז דאך יעדער זאך בדיוק – אז מ'זאגט, אז דער צווייטער טאג איז "**צוויי טעג**":

אין צוגאב וואס דער טאג טוט אויף; נאך די הילף פון דעם ערשטן טאג – האט ער אויך דעם גאנצן שטורעם וואס ס'האט געגעבן דעם ערשטן טאג. און אזוי אויך אין דעם דריי און דרייסיקסטן טאג – האט מען די פעולה – די ווירקונג – פון **דריי און דרייסיק טעג** פון ספירת העומר אין דער זאך וואס מ'ציילט.

וואס האט מען געציילט?

דערציילט "תורה אור", אז אידן האבן געוואוסט ארויסגייענדיק פון מצרים, אז זיי גייען מקבל זיין די "חמדה גנוזה"[3], די טייערסטע זאך וואס איז דא ביי דעם אויבערשטן,

וואס ווי איר האט ערשט-א געזאגט "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"[4], אז דער אויבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט, אלע הימלען און די גאנצע ערד און אלץ וואס געפינט זיך אויף דעם – זאגט "תורה אור", אז דאס קומט ניט צו דער טייערסטע זאך וואס דער אויבערשטער האט, און

---

1) ס' משלי פרק ו', פסוק כג.

2) פ' שמות פרק ג', פסוק יב.

3) מס ' שבת דף פח, ע"ב (כגירסת הר"נ גאון).

4) פ' בראשית פרק א', פסוק א'.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת במדבר

דאס איז תורה,

אזויפיל טייער, ביז וואנענט, אז זי איז ״גנוזה״ – זי איז אפילו באהאלטן פון די גרעסטע מלאכים;

צו וועמען איז תורה געגעבן געווארן? – דוקא צו ״אתה בחרתנו״, צו אידן,

און געגעבן געווארן אנהויבנדיק גלייך ווי א אידיש קינד ווערט געבארן, איז גלייך זאגט מען אויף דערויף, אז ״תורה צוה לנו משה מורשה קהילת יעקב״[5], אז יעדער אידיש קינד, גלייך ווי ער ווערט געבארן, ירש׳נט ער די גאנצע תורה, עד סוף כל הדורות,

וואס דאס איז געווען ביז דעמולט באהאלטן אפילו – ווי געזאגט – פון די גרעסטע מלאכים, און מ׳האט דאס אפגעגעבן, און אפגעגעבן – ווי געזאגט פריער – פון דעם אויבערשטנ׳ס האנט, אין דער פולסטער מאס און אין דעם אפענסטן אופן,

ביז וואנענט, אפילו א קליין קינד, ״משמתחיל לדבר״[6] – לערנט מען שוין מיט אים די אותיות פון דער תורה,

און נאך פאר דעם, און גלייך ווי ער ווערט געבארן – הענגט מען אויף אין זיין חדר פסוקים פון תורה,

און דערנאך אויך, בשעת מ׳דארף אים איינשלעפערן, זינגט מען אים – ווי ס׳איז דער מנהג ישראל – ווי אזוי תורה איז די ״בעסטע סחורה״, און דאס איז בעסער פון די טייערסטע זאכן וואס ס׳איז דא אין שמים וארץ וכל צבאיהם.

וואס בשעת מ׳קלייבט זיך צוזאמען די אידישע קינדער, וואס יעדערער פון זיי האט גע׳ירש׳נט די גאנצע תורה, און מ׳ציילט, אז ס׳איז שוין דא דריי און דרייסיק טעג וואס מ׳האלט אין ציילן, און מ׳ציילט פארגעסט מען ניט חס-ושלום אויפן צוויי און דרייסיקסטן טאג, נאר מ׳גיט-צו נאכמערער, אז מ׳האט

5) פ׳ ברכה פרק לג, פסוק ד׳.

6) מס׳ סוכה דף מב, סע״א. רמב״ם הל׳ תלמוד-תורה פרק א׳ הלכה ו׳. הל׳ תלמוד-תורה לאדמו״ר הזקן בתחלתן. הובא בפרש״י עה״ת פ׳ עקב פרק יא, פסוק יט.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת במדבר

נאכמער, א דריי און דרייסיקסטן טאג, און אזוי וועט מען צוגעבן נאך טעג און נאך טעג, ביז וואנענט מ'וועט קומען צו זמן מתן תורה, "שבעה שבועות תמימות תהיינה"[7],

וואס אט דעמולט גיט דער אויבערשטער די תורה פון דאס-ניי מיט א באנייטער לעבעדיקייט און מיט א באנייטער שטארקייט און מיט א באנייטער מקור הברכה, אז דאס זאל ממשיך זיין — ווי מ'זאגט אין דער סדרה פון היינטיקער וואך — אז "בחוקותי תלכו ומצוותי תשמרו"[8], וועט דערנאך זיין די אלע ברכות וועלכע ס'ווערן אויסגערעכנט אין דער סדרה, וואס זיי זיינען כולל אלע ברכות,

איז בשעת מ'גרייט זיך דערצו צו — ובפרט אין א "יום שמחתו" פון ר' שמעון בן יוחאי פון ל"ג בעומר — מאכנדיק דערביי די פעסטע באשלוסן — איז האט מען שוין די זיכערקייט, אז בשעת מ'וועט האלטן אין שטייגן, אבער נאך אלץ בדרגא פון טאג צו טאג, ביז וואנענט מ'וועט קומען צו זמן מתן תורה, געזונטערהייט און פריילעכערהייט,

— ובפרט נאך, אז יעדערער פון אייך וועט דאך זיין אין א בית-הכנסת כדי צו הערן די עשרת הדברות, און ווי מ'בענטשט אויף זיי פון-דאס-ניי — דער עולה-לתורה, און דער גאנצער [עולם] וואס געפינט זיך ענטפערן "אמן" — "נותן התורה", לשון הוה, אז דער אויבערשטער גיט דאס פון דאס-ניי, די עשרת הדברות, וואס זיי זיינען כולל כל התורה כולה —

איז דער באשלוס אין דעם בל"ג בעומר, אין א "יום שמחתו", וואס שמחה איז פורץ גדר — ברענגט דאס די אלע ענינים אין א באשטארקטער פארם,

און אויך צוגעבן — ווי דערמאנט פריער — אין דער צוגרייטונג דערצו פון יעדערן פון אייך, הלוך והוסיף ואור, אז מ'מאכט ליכטיק ביי זיך און ליכטיק ארום זיך.

וואס דאס איז די אנווייזונג פון ימי הספירה בכלל, אז א איד ווייס, און ער נעמט דערפון אן אפלערנונג אויף א גאנצן יאר, אז יעדער טאג דארף ער געדענקען און ציילן: ווען וועט ער וואקסן **נאכמערער**

---

7) פ' אמור פרק כג, פסוק טו.

8) פ' בחוקותי פרק כו, פסוק ג'.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת במדבר

אין זאכן פון תורה ומצוותיה, און טאן דאס "כחדשים" און "**חדשים**", "נותן התורה" לשון הוה, ומתוך שמחה –

העלפט אים דער אויבערשטער און בענטשט, אז דאס ווערט אויפגעטאן אין גאר א גרויסער מאס.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.